בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון צ"ג

פרשת בא
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵייטְן חֵלֶק פוּן אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת נֹחַ שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### מֶען מוּז לִיבּ הָאבְּן דִי דְזְשַׁאבּ

אִיךְ בֶּעט עֶנְק טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים און מְחַנְּכִים, מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער!

אִיךְ נֶעם זִיךְ אוֹיס מִיט יֶעדְן מְלַמֵּד און פוּן יֶעדֶע לֶערֶערִין בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד, אַז מֶען קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן דָא בִּתְנַאי אַז מֶען הָאט לִיבּ דִי דְזְשַׁאבּ, און אִיךְ מֵיין עֶס זֵייעֶר עֶרְנְסְט; נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט הֲנָאָה פוּן דִי דְזְשַׁאבּ קֶען מֶען דָא אַרְבֶּעטְן.

[עֶס קֶען זַיין אַז פַאר דִי לֶערֶערִינְס וֶועט עֶס זַיין גְרִינְגֶער צוּ הֶערְן, וַוייל אִיךְ רֶעד דָאךְ צוּ דִי מְלַמְּדִים, און עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ הֶערְן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ יֶענֶעם וִוי וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אִים; אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִיר אַז עֶס אִיז זֵיי גְרִינְגֶער צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פַאר דִי בָּחוּרִים - וִוי דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ גֶעבּ פַאר אִינְגֶעלַייט, וַוייל וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייט אוֹיף דִי בָּחוּרִים הָאט עֶס נִישְׁט מִיט מִיר...]

### אַ 'כְּלֵי קוֹדֶשׁ'...

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין אַ מוֹסָד, אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט זִיךְ יֶעדְן טָאג גֶערֶעגְט פַארְוָואס עֶר אִיז בִּכְלַל אַ מְלַמֵּד, און יֶעדֶער קִינְד הָאט גֶעהַאט בַּיי אִים עֶפֶּעס אַ טִיטְל, עֶר אִיז אַ 'פָּרָה אֲדוּמָה' און עֶר אִיז אַ 'שׁוֹטֶה' און אַזוֹי וַוייטֶער, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער, און אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'וָואס? דָאס אִיז אַ מְלַמֵּד?!' הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: **"פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זַיין אַ מְלַמֵּד?"** אִיךְ הָאבּ אִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין רִיעֶל עֶסְטֶעיט (פַארְקוֹיפְן הַייזֶער), עֶר אִיז טַאקֶע אַרַיין אַרְבֶּעטְן אִין רִיעֶל עֶסְטֶעיט און אִיךְ מֵיין אַז עֶר אִיז הַיינְט זֵייעֶר מַצְלִיחַ. יֶענֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד וַוייל דִי מִשְׁפָּחָה הָאט פַארְלַאנְגְט עֶר זָאל וֶוערְן אַ מְלַמֵּד, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט עֶר זָאל זַיין אַ 'כְּלֵי קוֹדֶשׁ'... - בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קֶען מֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן, מֶען קֶען זַיין אַ סֶעקְרֶעטֶערִי, אַ בּוּכְהַאלְטֶער אָדֶער בּוֹיעֶן הַייזֶער און זַיין אַ 'כְּלֵי קוֹדֶשׁ', מֶען אִיז דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דִי אֵייזְקְרִיעֶם אִיז נָאר פַאר וָואס הָאבְּן עֶס לִיבּ

מְלוּמְדוּת אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַאר דִי וָואס הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ דִי אַרְבֶּעט. אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דָא אַ קָאמְפֶּענִי וָואס פַארְקוֹיפְט אֵייזְקְרִיעֶם, שְׁרַייבְּן זֵיי אוֹיף זֵייעֶרֶע אַדְוֶוערְטַייזְמֶענְטְס (פִּרְסֹמֶת): **"דִי אֵייזְקְרִיעֶם אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַאר דִי וָואס הָאבְּן עֶס זֵייעֶר זֵייעֶר לִיבּ"**; אִיךְ זָאג דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַאר מְלַמְּדִים, מֶען קֶען נָאר זַיין אַ מְלַמֵּד אוֹיבּ מֶען הָאט זֵייעֶר זֵייעֶר לִיבּ צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, מֶען הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער און מֶען הָאט לִיבּ דֶעם דְזְשַׁאבּ.

### אִיךְ וִויל מַיין לֶעבְּן זָאל אַרִיבֶּער גֵיין מִיט מְלוּמְדוּת

אַוַודַאי אִיז שְׁוֶוער צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, פוּן זַיין אַ גַאנְצְן טָאג מִיט קִינְדֶער קוּמְט מֶען אַהֵיים גוּט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אָבֶּער אַזוֹי אִיז עֶס מִיט יֶעדֶע דְזְשַׁאבּ, אַן

### מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ לִיבּ

אַרְבֶּעט - אִיז אַרְבֶּעט, אַרְבֶּעטְן מוּטְשֶׁעט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ; מְלוּמְדוּת מוּטְשֶׁעט שְׁטַארְק אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זִיךְ פָארְקוּקְן, און מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ נָאכְאַמָאל הָאבְּן כֹּחַ און נָאכְאַמָאל סַבְלָנוּת, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ לִיבּ מַיין אַרְבֶּעט, אִיךְ קוּם נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען דִי פָאר דָאלֶער, דִי פָאר גְרָאשְׁן, און דִי פָאר פַארְדִינְסְטְן וָואס אַ מְלַמֵּד בַּאקוּמְט; אִיךְ וִויל מַיין לֶעבְּן זָאל מִיר אַרִיבֶּער גֵיין מִיט אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אִין אַ פַאבְּרִיק און נָאכְדֶעם אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט מִיט גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי מֶען הֶערְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָארְן גֶעבּוֹיט אַ פַאבְּרִיק, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה פַאר אַפָּאר יָאר, נָאכְדֶעם הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ פַייעֶר און עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן דֶערְפוּן, דָאס דַארְף אִיךְ נִישְׁט.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט זַיין מִיט מִיר אוֹיבְן אִין הִימְל, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד; אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן אֱמוּנָה, פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַלֶע מַיינֶע דְזְשָׁאוּקְס און אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען מִיט אֵיין צִיל צוּ בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

### אַ קִינְד שְׁפִּירְט אוֹיבּ זַיין רֶבִּי הָאט אִים לִיבּ

דִי מוֹסָד אִיז בַּיי מִיר דֶער גַאנְצֶער אִינְהַאלְט פוּנֶעם שְׁטֶעטְל.

מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעלְן מִיר אַלְץ אָפּ זֵיי זָאגְן מִיר: **"דִי שְׁטֶעטְל אִיז זֵייעֶר שֵׁיין"**, טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: דִי שְׁטֶעטְל אִיז שֵׁיין? אִיבֶּערָאל אִיז שֵׁיין, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא

אִין שְׁטֶעטְל מֶער ווי אִין גאַנְץ סָאלִיוֶוען קאַוּנְטִי, אוֹיסֶער דעם אַז מִיר הָאבְּן אַ חֵדֶר וואס דִי קִינְדֶער 'ווילְן' קוּמֶען, יֶעדֶער קִינְד קֶען זָאגְן פאַר זַיין טַאטֶע מַאמֶע: **"מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ לִיבּ"**.

לִיבּ הָאבְּן תַּלְמִידִים מֵיינְט נִישְׁט צוּ טֵיילְן פאַר דִי קִינְדֶער קֶעיק אוּן סְנֶעקְס, לִיבּ הָאבְּן תַּלְמִידִים מֵיינְט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁפִּירְן 'מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ לִיבּ'.

דָאס קֶען מֶען נִישְׁט פָאפְּן אוּן מֶען קֶען זִיךְ דָאס נִישְׁט מַאכְן. ווען מַיין טָאכְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ מֵיידְל הָאט זִי גֶעהַאט אַ לֶערֶערִין וואס הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט דִי קִינְדֶער, אָבֶער זִי פְּלֶעגְט מַאכְן פַּאלְשֶׁע שְׁמֵייכְלֶען צוּ פָאלְגְן וואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז מֶען דַארְף לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, מַיין טָאכְטֶער פְּלֶעגְט מִיר זָאגְן: **"דִי פַּאלְשֶׁע שְׁמֵייכְלֶען אִיז ווי מֶעסֶערְס, ווייל אִיךְ ווייס אַז מַיין טִיטְשֶׁער הָאט מִיךְ פֵּיינְט"**; מִיט צוּגֶעמַאכְטֶע אוֹיגְן קֶען אַ קִינְד שְׁפִּירְן צִי דֶער מְלַמֵּד אָדֶער דִי לֶערֶערִין הָאט אִים לִיבּ אָדֶער פֵּיינְט.

### טְרֶעפְן אִין יֶעדְן קִינְד אַ גוּטֶע זַאךְ

מֶען דַארְף טְרֶעפְן אִין יֶעדְן קִינְד אַ גוּטֶע זַאךְ וואס עֶר הָאט. שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן יֶעדֶעס קִינְד הָאט זִיךְ זַיין אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט; אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַ גוּטֶע אוֹיסְדְרוּק פוּן אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ: **"יֶעדֶער קִינְד הָאט זִיךְ זַיינֶע 'מַעֲלוֹת' אוּן זַיינֶע 'מַעֲלוֹת'..."** - "אִיךְ ווייס פִּינְקְטְלִיךְ יֶעדְן קִינְדְ'ס שְׁוַואכְקֵייט, ווען צְווֵיי פוּן מַיינֶע קִינְדֶער קְרִיגְן זִיךְ, ווייס אִיךְ ווער עֶס דַארְף נָאכְגֶעבְּן, אֲפִילוּ יֶענֶער אִיז גֶערֶעכְט, ווייל אִיךְ קֶען נִישְׁט אַ גַאנְצְן צֵייט פַארְהַאלְטְן דֶעם זֶעלְבְּן קִינְד וואס אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶערֶעכְט פַארְוואס עֶר הָאט יֶענֶעם גֶעטְשֶׁעפֶּעט. יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע טַאלַאנְטְן, אֵיינֶער קֶען פַארְרֶעכְטְן זַאכְן וואס צֶעבְּרֶעכְן זִיךְ, דֶער אַנְדֶערֶער קֶען דָאס נִישְׁט טוּן, אַז מֶען ווֶעט אִים גֶעבְּן אַ טֶעלֶער זוּפּ ווֶעט עֶר עֶס אוֹיסְגִיסְן אִינְמִיטְן ווֶעג, אָבֶער עֶר קֶען זָאגְן דְזְשָׁאוּקְס, עֶר קֶען מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

### מֶען קֶען עֶס בַּאווַייזְן דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

אִיךְ ווִיל אַז יֶעדֶעס קִינְד זָאל קֶענֶען זָאגְן פַאר זַיין טַאטֶע מַאמֶע: **"מַיין רֶבִּי הָאט מִיךְ לִיבּ"**, אוּן דָאס קֶען מֶען נָאר בַּאווַייזְן דוּרְךְ 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת'.

גֵייסְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן אַלֶע זָאלְן אוֹיסְוואַקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן"**. אוּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן רֶעדְט מֶען אַלֶעס, אֲפִילוּ וואס מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַארְן מְנַהֵל, פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען: **"דֶער אִינְגְל הָאבּ אִיךְ לִיבּ, ווייל עֶר אִיז קְיוּט (זִיס), עֶר הָאט גוּטֶע בֶּעקֶעלֶעךְ, אִיךְ הָאבּ אִים לִיבּ צוּ גְלֶעטְן, אוּן דֶער קִינְד הָאבּ אִיךְ נִישְׁט לִיבּ, ווייל עֶר אִיז נִישְׁט קְיוּט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין גֶעפִיל זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט אִים, הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג"**.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים, אוּן ווער עֶס אַרְבֶּעט אִין דִי פִיר ווֶענְט פוּן דִי מוֹסָד; אַלֶע זֶענְט עֶטְץ זֵייעֶר חָשׁוּב, אִיךְ בִּין עֶנְק זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אִיךְ הָאבּ עֶנְק לִיבּ, אוּן אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף עֶנְק.

אִיךְ ווֶעל דָא עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁיעוּר, אִיךְ ווֶעל נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן מִיט לַאנְגֶע דְּרָשׁוֹת, ווייל מֶען דַארְף שׁוֹין אַרֵיינְגֵיין אִין כִּתָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיט"א

### גֶעבְּן גוּטֶע זַאכְן פַאר קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן דַאוֶוענֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיט"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיט"א, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ מֶען דַארְף אִיבֶּערְרֶעדְן קִינְדֶער פוּן בְּעֶרֶךְ פִינְף יָאר אַלְט אַז אוֹיבּ זֵיי ווֶעלְן דַאוֶוענֶען ווֶעלְן זֵיי בַּאקוּמֶען זִיסְוַוארְג אוּן גוּטֶע מַתָּנוֹת, אוּן דֶעמָאלְט ווֶעלְן אַלֶע קִינְדֶער דַאוֶוענֶען מִיט הִתְלַהֲבוּת, אָדֶער אִיז מֶער רִיכְטִיג זֵיי צוּצוּגֶעווֶאוִינֶען צוּ דַאוֶוענֶען נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אָן דִי צוּקֶערְלֶעךְ?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּים אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל פִּיהֶם שֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי ווֶעלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא; מְלַמְּדִים הַאלְטְן דִי ווֶעלְט, דִי מְלַמְּדִים לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

אַוַודַאי אִיז גוּט צוּ גֶעבְּן גוּטֶע זַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דַאוֶוענֶען שֵׁיין, אַזוֹי גֶעווֹאוִינְט מֶען זֵיי צוּ זֵיי זָאלְן דַאוֶוענֶען, אוּן שְׁפֶּעטֶער ווֶעלְן זֵיי דַאוֶוענֶען אָן דִי גוּטֶע זַאכְן, זֵיי ווֶעלְן פַארְשְׁטֵיין אַז דַאוֶוענֶען אִיז לֶעבְּן, תְּפִלָּה לְקֵל חַיָּי. מִיר גֶעפִינֶען אִין חֲזַ"ל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים ווִי זֵיי הָאבְּן מְשַׁחֵד גֶעוֶוען תַּלְמִידִים. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.), עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ, עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צֵייט, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ ווֶען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קֵיין חִילּוּק פוּן אַ קִינְד וואס דֶער טַאטֶע צַאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וואס דֶער טַאטֶע צַאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז ווֶען

אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִּישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען – וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִּישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען"; דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין כֹּחַ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיינֶע תְּפִלּוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא מְצִיעָא פה.), רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ הָאט אַזוֹי מְשַׁחֵד גֶעוֶוען אַ זוּן פוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן אַ זוּן פוּן רֶבִּי טַרְפוֹן, עֶר הָאט זֵיי צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט צוּזָאגְן שִׁידוּכִים וְכוּ', אוּן שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרַס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת שמות תשפ"ה)

## זָאל אִיךְ לֵייגְן אַ דָגוּשׁ צוּ לֶערְנֶען לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ מִיט דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי לִיכְטִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָשׁ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט נָאךְ פוּן מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז אִין גֶעווִיסֶע פְּלֶעצֶער טוּט מֶען זִיךְ אוֹיף אַז בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַזַא שְׁטוּפֶּענִישׁ, מַמָשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִיז אֶפְשָׁר נִישְׁטָא דִי גְרוֹיסֶע שְׁטוּפֶּענִישׁ, אָבֶּער עֶס אִיז מַמָשׁ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת.

זַייעֶנְדִיג אַ מְלַמֵד גֵייעֶן מִיר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען "שָׁרָשִׁים וְשִׁימוּשִׁים", דָאס מֵיינְט אַז מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, צוּ צֶעטֵיילְן דִי וֶוערְטֶער אִין חֲלָקִים לוֹיט דִי שׁוֹרֶשׁ, אוּן דֶערְנָאךְ דִי שִׁמוּשִׁים בֶּעפָאר אוּן דֶערְנָאךְ. לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען דָא וָואס קְרִיגְן אוֹיף דֶעם נֵייעֶם מְהַלֵךְ אוּן זָאגְן אַז מֶען דַארְף לָאזְן דִי קִינְדֶער אַלֵיין אוֹיפְכַאפְּן לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ פוּנְקְט ווִי עֶר כַאפְּט אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן, עֶר וֶוערְט נָאר צֶעמִישְׁט פוּן לֶערְנֶען דִי שָׁרָשִׁים אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם פְּרָאבְּלֶעמֶען.

זַייעֶנְדִיג אַן אַיינְגְשְׁטֶעלְטֶער דַארְף אִיךְ דָאס מְמַלֵא טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וָוארְט אַרַיינְצוּרֶעדְן אִין דֶעם, מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר צִי אִיךְ זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶעם כֹּחוֹת אוּן לֵייגְן אַ דָגוּשׁ דֶערוֹיף, אָדֶער עֶס טוּן מֶער ווִי אַ טֶעכְנִישֶׁע אַרְבֶּעט וָואס דַארְף גֶעטוּן וֶוערְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ נֵייגֶעריִג אוֹיבּ אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אִיז דָא דֶער סָארְט לִימוּד מִיט דִי קִינְדֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר לֶערְנֶען דִי אַלְטֶע וֶועג ווִי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא, מִיר מַאכְן נִישְׁט קַיין שׁוּם נֵייעֶ זַאכְן.

דוּ לֵייג אַ דָגוּשׁ אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוּן זֵייעֶר וואוֹיל – נָאר אַז עֶס אִיז דָא אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אָן אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.): "דְדָא בֵּיהּ כּוּלָא בֵּיהּ", דֶער וָואס הָאט דַעַת דֶער הָאט אַלֶעס, "דְלֹא דָא בֵּיהּ מַה בֵּי הּ", דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין דַעַת – הָאט גָארְנִישְׁט; וָואס אִיז דַעַת? אֱמוּנָה; דֶער וָואס וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר הָאט אַלֶעס גֶעטוּן, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְץ פוּן אִים – דָאס אִיז דַעַת; אוֹיבּ הָאט מֶען דִי פִּינְטֶעלֶע דַעַת – הָאט מֶען שׁוֹין סַיי ווִי אַלֶעס.

וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין חֵדֶר לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער זָאל דָאס זַיין דַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע צִיל: אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה בְּהַשֵׁם יִתְבָּרַךְ, אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְט אַרַיינְבְּרָאקְן אִין זֵיי לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי טָאג אִין חֵדֶר אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט; דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, שְׁרַייבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פַאר זֵיי, אָבֶּער אַלֶעס דַארְף זַיין מִיט אֵיין צִיל: זֵיי זָאלְן ווִיסְן עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער!

אַז מֶען הֵייסְט דִיר לֶערְנֶען שָׁרָשִׁים וְכוּ' – זָאלְסְטוּ דָאס טוּן, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עִיקָר. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען ווִיל לֶערְנֶען דִקְדוּק מִיט קִינְדֶער, דָאס אִיז זִיכֶער אִיבְּרִיג. דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה): "בִּשְׁבִיל זֶה עָזְבוּ הָעוֹלָם חָכְמוֹת הַדִקְדוּק וְאֵינָם עוֹסְקִים בּוֹ כְּלָל. כִּי דִקְדוּק אֵין צְרִיכִין כְּלָל", דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעלָאזְט פוּן לֶערְנֶען דִקְדוּק, וַוייל עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס פַאר עֲבוֹדוֹת הַשֵׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת נשא (באר"י בהעלותך תשפ"ב)

## וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע נוּסָח צוּ דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי נוּסָח הַתְּפִלָּה מִיט דִי קִינְדֶער, וֶוען אִיךְ דַאוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, בַּיי "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם", זָאל מֶען זָאגְן "בַּסֵתֶר וּבַגָלוּי", אָדֶער "בַּסֵתֶר כְּבַגָלוּי"? אוּן בַּיי "אַהֲבַת עוֹלָם" זָאגְט מֶען "עוֹל הַגוֹיִם וְעוֹל הַגָלֻיּוֹת מֵעַל צַוָארֵינוּ" אָדֶער זָאגְט מֶען עֶס נִישְׁט? בַּיים בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָזוֹן, בַּיי "רַחֵם נָא", זָאגְט מֶען "שֶׁלֹּא נֵבוֹשׁ וְלֹא נִכָּשֵׁל", אָדֶער זָאגְט מֶען נִישְׁט "נִכָּשֵׁל"? בַּיי מִנְחָה בַּיי קָרְבָּנוֹת זָאגְט מֶען דִי "יְהִי רָצוֹן" צְווִישְׁן דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן צְוֵויי "וַיְדַבֵּר", אָדֶער נִישְׁט?

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט צְוֵויי שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, אִיךְ ווִיל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף

אַלֶע מַתָּנוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ אוּם זֹאת חֲנוּכָּה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים אוּן אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען דָארְט פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵד; אַלֶע תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת - וֶועט דֶער מְלַמֵד בַּאקוּמֶען שְׂכַר לְנֵצַח נְצָחִים.

בְּנוֹגֵעַ נוּסָח וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז עֶר מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אִין נֻסְחָאוֹת, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל דַאוֶוענֶען וִוי אַזוֹי מֶען הָאט מְקוּבָּל פוּן דִי עֶלְטֶערְן. נָאר אֵיין וָוארְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל זָאגְן, "מֶלֶךְ יָחִיד חַי הָעוֹלָמִים", נִישְׁט "מֶלֶךְ יָחִיד 'קֵל' חַי הָעוֹלָמִים", וַוייל אַזוֹי וִוי מֶען הוֹיבְּט אָן פְּסוּקֵי דְזִמְרָה, בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, מִיט דִי וֶוערְטֶער 'חַי הָעוֹלָמִים', דַארְף מֶען אוֹיךְ מְסַיֵים זַיין פְּסוּקֵי דְזִמְרָה מִיט דִי וֶוערְטֶער מֶלֶךְ יָחִיד חַי הָעוֹלָמִים; אַנְדֶערֶע זַאכְן הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ נִישְׁט גֶעמִישְׁט, נָאר יֶעדֶער דַאוֶוענְט לוֹיט זַיין נוּסָח.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַריינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ טוּן דִי מִצְוֹת, דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן אַז מֶען אִיז פְרֵייליךְ, אַ מְלַמֵד מוּז זַיין זֵייעֶר פְרֵייליךְ, עֶס מוּז זִיךְ שְׁפִּירְן אִין כִּתָּה אַ פְרֵייליכֶע לוּפְט. אַוַודַאי דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ; מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן, מֶען מוּז פָאלְגְן, אָבֶּער עֶס מוּז זַיין אַ פְרֵייליכֶע לוּפְט, אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן בַּיי דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת שמות תשפ"ה)

## מֶעג אִיךְ זַיין אַ מְלַמֵד תִּינוֹקוֹת אַלְס בָּחוּר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ אַרְבֶּעט אַלְס אַ הֶעלְפֶער אִין אַ גֶעוִויסֶע חֵדֶר אִין כִּתָּה א', אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען שְׁטֵיין אִין דִי גְמָרָא אַז אַ בָּחוּר זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד תִּינוֹקוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן צִי אִיךְ זָאל וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן מִיט מַיין אַרְבֶּעט אוֹיף קוּמֶענְדִיגְן זְמַן, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶס אוֹיפְגֶעבְּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גוּטֶע עֵצוֹת וָואס אִיר גֶעבְּט אוּנְז, בִּיטֶע נִישְׁט אַרוֹיסְלֵייגְן דִי שְׁאֵלָה אִין דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַ דַאנְק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי פּוֹסְקִים זָאגְן (שֵׁבֶט הַלֵּוִי חֵלֶק ה', סִימָן רו, אוֹת ב) הַיינְטִיגֶע צַייטְן, וֶוען דִי מַאמֶעס בְּרֶענְגֶען נִישְׁט דִי קִינְדֶער צוּם מְלַמֵד - קֶען אַ בָּחוּר אוֹיךְ זַיין אַ מְלַמֵד, אוּן כָּל שֶׁכֵּן אַ הֶעלְפֶער פַאר אַ מְלַמֵד.

עֶס אִיז וִויכְטִיג פַאר מְלַמְדִים צוּ לֶערְנֶען הִלְכוֹת מְלַמְדִים. עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ טְרֶעפְן מְלַמְדִים, אִיךְ פְרֶעג זֵיי אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת מְלַמְדִים, זֵיי וֵוייסְן נִיטְאַמָאל אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי הִלְכוֹת מְלַמְדִים; וִוי קֶען מֶען זַיין אַ מְלַמֵד אָן לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת?

עֶס אִיז דָא וִויכְטִיגֶע הִלְכוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט זַיין אוֹיף בַּיינַאכְט, אַ מְלַמֵד מוּז זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט וֶוען עֶר גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה. אוֹיךְ טָאר אַ מְלַמֵד נִישְׁט פַאסְטְן; אַ מְלַמֵד מוּז זַיין אוֹיסְגֶערוּט אוּן זַאט, אַז מֶען אִיז אוֹיסְגֶערוּט אוּן זַאט - הָאט מֶען גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער.

עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף טז): "וְאֵין לַמְלַמֵד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד, וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה", אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט אוֹיף זַיין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט זַיין מִיד; אוֹיךְ טָאר אַ מְלַמֵד נִישְׁט פַאסְטְן.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, זִינְג מִיט זֵיי: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(קונטרס עצתו אמונה יום טוב סוכות תשפ"ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרוייען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876